**Budowa Pieców Piekarskich i Cukierniczych**

# M. Sandner, Katowice

**ul. Mikołowska 11-a.** **Telefon Nr. 819.**

---

**HALLO! HALLO!**

PIEKARZE

האללא ! האללא !

**בעקערס**



---



**Już najwyższy czas zmechanizować Wasze piekarnie!**

שוין די העכסטע צייט צו
מעכאניזירן אייערע

**בעקערייען**

DRUKARNIA I INTROLIGATORNIA

„ENERGJA"

SOSNOWIEC, ul. Kołłątaja 6. --- Tel. 8-18.

wykonuje wszelkie roboty w zakres drukarstwa wchodzące

**Wykonanie solidne.** **Ceny umiarkowane.**

הורט! דעטייל!

אין פוטער = מאגאזין

**M. Trygier, Sosnowiec**

Modrzejowska 16. Tel. 5-66

עגזיסטירט פון 1899.

איז דאָ שטענדיק אויפּסלאָגער אַ גרויסער אויסוואַל
פון פוטערוואַרג, קאפּעלושן אין היטלעך
ווי אויך אנ׳אייגענער קירזשנער=ווארשטאט.

רעיעלע באהאנדלונג. צוגענגליכע פרייזן.
קומט און איבערצייגט אייך.

Bank Ludowy w Sosnowcu

Społdz. z ogr. odp.

טארגאווא 8 טעלעפאן 6-93.

ערלעדיקט פּינקטלעך אלערליי באנק אפּעראַציעס
אינקאסירט, וועקסלען, פראַכטן א. ד. ג. שנעל אין
פּינקטליך רעכנענדיק א מינימאַלסטע פּראָוויזיע.

Żądajcie! Żądajcie!

najlepsze przetłuszczone
— — mydło toaletowe — —

„PRZEBÓJ"

Fabryka perfum i mydeł toaletowych SAPODOR, Warszawa

Do nabycia we wszystkich aptekach, składach aptecznych i perfumerjach.

„Zagłembier-Lebn“ פרייז 25 גראשן. Opłata pocztowa uiszcz na ryczałtem Nr. 2.

אבאנאמענטס־פרייז: 1 זל. א חודש.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Redakcja „Zagłembier-Lebn“,
Sosnowiec, ul, Kołłątaja 6. Tel. 8-18.

דער רעדאקטאר נעמט אן יעדן טאג א חוץ שבת
פון 4 ביז 5 נאכמ.

פארן אינהאלט פון די אנאנסן איז די רעדאקציע
ניסט פאראנטווארטלעך.

אפטיילונג פאר אויבערשלעזיען:
Katowice, ul. Marjacka 11, Kanner
אפטיילונג אין בענדין:
Będzin, Małachowskiego 7, Laskier

# זאגלעמביער לעבן

אונאפהענגיקער אָרגאן פאר־זאגלעמביע און אויבערשלעזיען

Piątek, d. 13 grudnia 1929. | דערשיינט יעדן פרייטיק. ורשטער יאָרגאנג. | פרייטיק, י״א כסלו תר״ץ ליכטצינדן 3.10

שבת, דעם 14־טן דעצעמבער 1 א זייגער נאכמיטיק

וועט אין דער סאָסנאָווצער שטאָט־שול (דעקערטא גאס) פארקומען

## א גרויסע פאלקס־פארזאמלונג

אויף וועלכער דער בארימטער דיכטער און פעדאגאג

## יחיאל הײלפּערין

וועט האלטן א רעפעראט א. ד. ט.

## יידן און אראבער
## אין ארץ־ישראל

איינגאַנג פריי פאר אַלע.

צענטר. ייד. האנטווערקער־
פארבאנד אין פוילן
אפטיילונג אין סאָסנאָוויץ.

## אכטונג האנטווערקער!

אלע האנטווערקער מיטגלידער און נישט־מיטגלידער, וועלכע האבן, וועלכע ס׳איז פרעטענציעס וועגן איינגעצאַלטע געלטער ווי אויך וועגן פערזענלעכע דאקומענטן (פעסער א, א, ו.) וואס זיי האבן איינגעצאָלט אויף פערשידענע ענינים, ווי: פאַ־טענטן, „קארט. זשעמיעשלניטשא״ א. א. ו. און האבן אַזעלכע נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט דערהאלטן, ווערן געבעטן אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך צו ווענדן אין סעקרעטאריאט פון האנטווערקער־פאריין (טאַרגאָווא 9) שבת־צונאכטס. דעם 14־טן און זונטיק, דעם 15־טן דעצעמבער פון 7 ביז 9 אָווענט צום פרעזעס ה׳ ראָטשטיין. דערביי באמערקן מיר, אז נאָך דעם אויבנדערמאָנטן טערמין פארלירן אלע דאָס רעכט אויף וועלכע ס׳איז פרעטענציעס.

מיט אכטונג
די פאַרוואַלטונג.

PIECE RITA

**Budowa Pieców Piekarskich i Cukierniczych**

# M. Sandner, Katowice

**ul. Mikołowska 11-a.** **Telefon Nr. 819.**

---

**HALLO! HALLO!**

PIEKARZE

האללאָ ! האללאָ !

בעקערס



---



**Już najwyższy czas zmechanizować Wasze piekarnie!**

שוין די העכסטע צייט צו

מעכאניזירן אייערע

בעקערייען

„Zagłembier-Lebn“ פּרייז 25 גראָשן Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem Nr. 2.

# זאַגלעמביער לעבן

אומאָפּהענגיקער אָרגאַן פאַר זאַגלעמביע און אויבערשלעזיען

אַבאָנאַמענטס־פּרייז: 1 זל. אַ חודש.

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
Redakcja „Zagłembier-Lebn“,
Sosnowiec, ul. Kołłątaja 6 Tel. 8-18.

דער רעדאַקטאָר נעמט אָן יעדן טאָג אַ חוץ שבת פון 4 ביז 5 נאָכמ.

פאַר אינהאַלט פון די אַנאָנסן איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

אָפּטיילונג פאַר אויבערשלעזיען:
Katowice, ul. Marjacka 11, Kanner

אָפּטיילונג אין בענדין:
Będzin, Małachowskiego 7, Laskier

Piątek, d. 13 grudnia 1929. | דערשיינט יעדן פרייטיק. ערשטער יאַ־גאַנג. | פרייטיק, י״א כסלו תר״ץ ליכטבענטשן 3.10

„זאַגלעמביער לעבן“ איז געווידמעט די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין זאַגלעמביע אָן אונטערשיד פון סאָציאַלער, ריכטונג און פּאָליטישער אַנשויאונג.

# פון דער וואָך.

## דער כוח פון פאָלקס־גראָשן.

דעם לעצטן זונטיק איז אין סאָסנאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די קק״ל עסקנים אין זאַגלעמביע. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען אייניקע צענדליק דעלעגאַטן און פאַרשטייער פון דער צענטראַלער קק״ל־לייטונג. און נישט קוקנדיק אויף דער האַרציקסטער באַמיונג פון די איניציאַטאָרן, האָט דאָך די קאָנפערענץ נישט איבערגעלאָזט ביי דעם טויזנטקעפּיקן עולם, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין שטאָט־טעאַטער — דעם געווינשטן רושם.

די גאַנצע צערעמאָניע פון באַגריסונגען, די סטערעאָטיפּישע ברכות און אַפילו די רעדעס (מיט אויסנאַמען ביים טאַלאַנטפולן ה׳ האַלפּערן) האָבן אַלע צוזאַמען געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געוועהנלעכער מאַניפעסטאַציע פון אַן אַלגעמיינעם יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

ס׳האָט געפעלט שטימונג, אַ ביסל היימישע וואַרימקייט און ס׳איז אויך נישט דערהערט געוואָרן דאָס שטאַרקע וואָרט וועגן די התחייבות לגבי דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אין איצטיקן אומגעהויער־שווערן אָבער וויכטיקן מאָמענט פון ערשטקלאַסיקער היסטאָרישער באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק.

דער עיקר איז אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ נישט געקומען צום אויסדרוק דער אַזוי צו זאָגן יידישער פאָלקס־גראָשן. איז דאָך דער יידישער אַרבעטס־מענטש היינט דער הויפּט־ליפעראַנט פון מאַטעריעלער און מאָראַלישער ענערגיע פאַר דעם זיך בויענדן ארץ־ישראל. איז דאָך דער פאָלקס־מענטש, דער המון־ייד, וועלכער שמאַכט אַליין אונטער דעם שווערן יאָך פון עקאָנאָמישן קריזיס, סוף־כל־סוף דער עלעמענט וואָס שטייט אָן אונטערבראָכן אין די פאָדערשטע רייען פון נאַציאָנאַלער אַרבעט.

הפּנים מיר זיינען נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון דאַלאַר־פּסיכאָז, פון אַנקל דזשעמס „ברייטהאַרציקייט“...

נישט די גאָלדענע רענדלעך, נאָר די קופּערנע פּרוטות וועלן באַווייזן דאָס גרויסע וואונדער פון בנין הארץ. איז עס דאָך שוין אַן אַלטער כלל, אַז „מלאכים קענען זיין מענטשן און ווילן נישט; מענטשן דאַגעגן ווילן זיין מלאכים און קענען נישט“.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד איז נישט קיין פּאַרטיי־ענין; נאַציאָנאַל־פאָנד איז דער אוצר פון גאַנצן פאָלק און קיינער האָט דרויף קיין קאָנצעסיעס נישט, ווייל דער ייד. אַרבעטס־מענטש האָט אָרגאַניש פאַרבונדן זיין גורל מיט די דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן פון דער קק״ל־באַוועגונג — איז עס דער אונאיבערשטריטענער חוב פון די ברייטסטע שיכטן אין פאָלק צו טראָגן די פּרוטות דעם פאָלקס־אוצר און — די דאָזיקע גראָשנס וועלן בלתי ספק אין אַ גרויסער מאָס ביטראָגן צו דער גראַנדיעזער אַרבעט פון ווידעראויפבויען ארץ־ישראל אַלס מוסטער־לאַנד פון מי, אָנשטרענגונג, אָפּפערוויליקייט, אויסדויער און האָפענונג — פאַר דורות און פעלקער.

## וועגן ווירטשאפטלעכן ראט.

אין צוזאמענהאנג מיט אונזער באמערקונג אין פאריקן נומער „זאגל. לעבן“ וועגן דער וויכטיקייט פון רעארגאניזירן דעם ווירטשאפטלעכן ראט פון אלע סוחרישע אינסטיטוציעס אין זאגלעמביע — האבן מיר באקומען א רייע אנפראגעס וועגן מהות און כאראקטער פון דער דאזיקער נייער ארגאניזאציע און דער עיקר — צי זי וועט זיין בכוח עפעס ממשותדיקעס צו באשאפן.

ראשית⸗כל דארף נאך א מאל באטאנט ווערן, אז די איניציאטיוו פון אזא „ראט“ שטאמט נאך פון די ה״ה זילבערשלאג און האניגמאן אלס דאמאלסדיקע פירער פון סאסנאווצער „זעלבסטשטענדיקן סוחרים⸗פאריין.“ מיט דעם ענין האט זיך דערנאך פאראינטערעסירט דער בענדינער סוחרים⸗פאריין מיט פרעזעס פרעזידענט רובינליכט בראש.

אויף וויפיל ס׳איז אונז באוווסט זיינען שוין די סטאטוטן פון דעם ראט לעגאליזירט געווארן דורך דעם קיעלצער וואיעוואדע און צום ראט גופא זיינען געהאט צוגעשטאנען א רייע סוחרים⸗ארגאניזאציעס פון סאסנאוויץ, בענדין, טשעלאדזש, זאוויערטשע, אלקוש א. א.

די סיבות פון דער אונטעטיקייט פון דאמאלס⸗געשאפענעם ראט זיינען אפילו נישט באוווסט, יעדנפאלס קען מען עס רוהיג צושרייבן צום חשבון פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציאיעלער באוועגונג פון יידישן סוחרטום, וועלכע לעבט איבער זער א שווערן קריזיס.

אבער — ווי געזאגט דארף טאקע דער קריטישער מצב כון יידישן סוחר, די סטאגנאציע אין האנדל און בכלל דעד גאנצער טרויריקער מעמד פון סוחרטום שטויסן צו דער רעארגאניזאציע פון „ווירטשאפטלעכן⸗ראט“ וועמענס אויפגאבעס וועט זיין — אלס די העכסטע ווירטשאפטלעכע אינסטאנץ אין זאגלעמביע — ארויסצוטרעטן כלפי חוץ אין נאמען פון גאנצן סוחרטום, פארטיידיקן זייערע אינטערעסן כלפי די שטייער⸗אמטן, דערהייבן דעם יידישן סוחר און קליינהענדלער פון זיין נידריקן מצב, שאפן א זעלבסטהילף⸗ארגאן און אונטערשטיצונגס פאנד פאר געפאלענע סוחרים, עפענען יורידישע בעראטונגס⸗שטעלעס, וואס זאלן באדינען דעם יידישן הענדלער מיט געפאדערטע עצות און אינפארמאציעס, אונטערנעמען אן׳ענערגישע אקציע געגן בייזוויליקע באנקראטן — מיט איין ווארט: דער ווירטשאפטלעכער ראט דארף זיין דער אויטעריטעטיווער פאקטאר, וואס זאל רעגולירן די דרכים פון ייד. סוחר אין זאגלעמביע, הן אויסערהאלב, הן אינערהאלב זיינע אייגענע ארגאניזאציעס און באמיען זיך לינדערן זיין לאגע עד כמה דאפשר.

זעלבסטפארשטענדלעך דארפן אלע אן אויסנאם ווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס צוטרעטן צום דאזיקן „ראט“.

זיין עגזיסטענץ וועט נאר דאמאלס זיין געזיכערט, זיין טעטיקייט וועט נאר דאמאלס נושא פירות זיין, ווען אין זיינע רייען וועלן זיך געפינען אלע די וואס נויטיקן זיך אזוי שטארק און זיינען אממיינסטן אנגעוויזן אויף זיין הילף.

די יידישע ראטמענער אין דער האנדלס⸗קאמער דארפן אין דער ערשטער רייע זיך מיט דעם ענין פאראינטערעסירן, געבן דעם טאן און שטארקע איניציאטיוו דערצו.

צו וועט עס אבער געשען?

## וועגן א יידישער פאלקס⸗שול.

אויף דער לעצטער אלגעמיינער פארזאמלונג פון סאסנאווצער האנטווערקער⸗פאריין האט איינער פון די רעדנער אריינגעטראגן א דעזידעראט צו דער ניי⸗אויסגעוויילטער פארוואלטונג, אז די זאל צוטרעטן צו דער גרינדונג פון א יידישער פאלקס⸗שול אין סאסנאוויץ.

נאטירלעך ווערן אלע פאדערונגען, וואס ווערן אויסגעזאגט בנשימה אחת נאך דער אויסגעשעפטער טאג⸗ארדנונג איבערגעוויזן דער נייער פארוואלטונג און „אויפן וועג“ ווערן זיי פארפאלן און באקומען קיינמאל נישט קיין תקון.

די פראגע פון א יידישער פאלקס⸗שול אין סאסנאוויץ איז פון א אונגעהויערער באדייטונג און ס׳איז דער ווונש פון אלע די, וואס פארשטייען ריכטיק אפצושאצן די קאלאסאלע דערציערישע ווערט פון א מאדערנער יידישער פאלקס⸗שול אונטערצושטיצן מיט אלע מעגלעכע מיטלען דעם פראיעקט און אים וואס גיכער רעאליזירן.

ס׳איז א „סוד פאר גאנץ בראד“ ביי וואס פאר א באדינגונגען און אומשטענדן, און וואס פאר א דערציונג דאס יידישע קינד באקומט אין די אלגעמיינע „פאוושעכנע“ שולן.

נישט אומזיסט פאלט דאס ערשטע ווארט פון יידישן בעל⸗מלאכה. ער, דער תמיד כארהארעוועטער, לוב אליין אומגעבילדעטער, נויטיקט זיך אמשטארקסטן אין אזא שול, ווו זיין קינד זאל באקומען אין זיין אייגענער שפראך — אין יידיש — אין דער גלייכער מאס יידישע און וועלטלעכע בילדונג.

באגריסנדיק דעם דאזיקן פראיעקט, איז אונזער הייסער ווונש, אז די פארוואלטונג זאל אים וואס גיכער אין א טאטזאך פארוואנדלען.

## די וואלן אין אויבערשלעזיען.

היינטיקן זונטיק זיינען פארגעקומען די וואלן צו די קאמונאלע זעלבסטפארוואלטונגען אין דער אויבערשלעזישער פראווינץ. געגן דער ביז איצט⸗הערשנדיקער מיינונג און נישט געקוקט אויף דעם אונגעהויערן שארפן וואל⸗קאמף איז דאך דער רעכטער אפאזיציע פון קארפאנטיס חדר נישט געלונגען צו דערגרייכן די געגארטע מערהייט אין דער פוילישער געזעלשאפט אין אויבערשלעזיען.

א באדייטנדן נצחון האט צו פארצייכענען די סאנאציע דערציילנדיק בערך 70 פראצענט פון אלע פוילישע מאנדאטן. גאר א גרויסע מפלה האבן געליטן די דייטשע ליסטעס פארלירנדיק ארום 50 פראצ. פון זייער ביזאיצטיקער צאל מאנדאטן [לויט די וואל⸗רעזולטאטן 1962]. די נ. פ. ר. און פ. פ. ס. זיינען ארויס בשן ובעין... קיין יידישע ליסטע איז לגמרי נישט ארויסגעשטעלט געווארן.

דאגעגן איז דא א יידישע (בירגערלעכע) ליסטע אין די שטעט ווו די וואלן וועלן פארקומען זונטיק, ד׳ 15-טן ה. ח.

— דער פארלויף פון די וואלן איז געגן אלע דערווארטונגען געוועזן א רוהיקער, הגם די שטימונג בעת די פארוואל⸗פארזאמלונגען איז געוועזן זער א קריגערישע.

די זונטיקדיקע רעזולטאטן באווייזן, אז מיט דער קארפאנטישער פעסטונג אין שלעזיען איז נישט אזוי אי⸗אי⸗אי... אויף שאלן מיט יריחו⸗שופרות וועגן דער סכנה, וואס דראט די „עכטע“ פאלאקן מצד די נאציאנאלע מינדערהייטן פון איין זייט און מצד דער.. סאנאציע פון דער אנדערער זייט — איז די „פאלאניע“ שוין איינמאל א בעל⸗מלאכה...

א ג א ן.

# די סיבות פון די געשעענישן אין א"י

(אנ'אינטערוויו מיטן דיכטער יחיאל היילפערן)

אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואס דער באקאנטער העב·רעישער דיכטער און פעדאגאג ה' יחיאל היילפערין ווײלט ביי אונז אין שטאט, האבן מיר זיך צו אים געווענדן מיט דער בקשה, איבערצוגעבן אונזערע לעזער א רייע פראגן אין צוזא·מענהאנג מיט די אויגוסט אונרוען אין ארץ־ ישראל.

דער ה' היילפערין, וועלכער וווינט שוין העכער 10 יאר אין לאנד און אלס לאנג־יעריגער שולאינספעקטאר פון ועד החנוך און לייטער פון לערער-סעמינאר אין תל־אביב איז אויסעבונדן מיט אלע ווינקעלעך פון ארץ־ישראל לעבן.

אויף מיין פראגע וועגן די פאקטישע סיבות וואס האבן געבראכט צו די טרויעריקע געשע·ענישן אנטוויקלט פאר מיר דער ה' היילפערין אין זיין ספעציעלן היילפערנישן סטיל, א הערלעכע פאנאראמע פון בילדער, וועלכע פירן צו פאמעלעך אין אזוי לייכט פארשטענדלעך צום עצם ענין.

— די הויפט-סיבות פון די אונרו·ען אין ארץ ישראל אויף וויפיל מיר, די איינפאכע אייוווינער אין בירגער פון א"י פארשטייען עס ליגן נישט אין פאליטישע באציואונגען נאר זיי זיינען א דירעקטע קאנסעקווענץ פון דער עקאנאמישער סטרוקטור אין לאנד אונזער שונא איז נישט דער פוי·ער אין דער ארבעטער, דער אראבישער פעלאך נאר דער ארא·בישער גוט-באזיצער, דער גרוי·סער פריץ, דער עפענדי. זיין שנ·אה צו אונז איז פולקאם בארעכ·טיקט און פארשטענדלעך: מיר האבן זיין אלטן הונדערט יעריגן ארט לעבן צושטערט.

הונדערטער יארן האט געלעבט דער אראבישער עפענדי אין זיין ברייטן שלאס צווישן די וויסטע בערג אין לאנד און האט פארברענגט זיינע טעג אין רויכערן די נארגילא און אין דערציילן מעשיות נישט געשטויגענע נישט געפלויגענע וועגן דער גרויסער העלדישקייט פון זיין עלטער זיידן און וועגן זיינע מיוחסדיקע אראבישע פערד, אויף וועלכע ער פלעגט זיך טראגן ווי א שטורם ווינט צווישן די בערג און איז גע·ווען זיין איינציקע ווילדע פארוויילונג.

דעם באדן פון זיינע ברייטע אינענדלעכע ערד שטחים האט ער קיינמאל נישט באמיסטיקט, קיין בוימער האט ער קיינמאל נישט געפלאנצט, זיין ערד איז געווען אויסגעמאגערט און אויסעקספלואטירט ביז דער לעצטער שטיפע, די הכנסות פון ערד זיינען געפאלן ביז דעם קלענסטן מינימום און ער האט געקאנט עקזיסטירן און פירן זיין רייכן און זארגלאזן ארט לעבן, נאר א דאנק דעם, וואס זיין באדן-אייגנטום איז געווען אונענדלעך גרויס און איבערהויפט וואס דעם ארבעטער דעם פעלאך האט ער קיינמאל קיין ארבעטס·לוין נישט געצאלט.

דער פעלאך האט געמוזט דעם עפענדיס ערד באאר·בעטן מיט אייגענע בהמות, מיט אייגענע ווערק-געצייג און באקומען פאר זיין ארבעט אויסגעצאלט נישט אין געלט נאר מיט א טייל פון די תבואות.

האט זיך געמאכט א יאר פון אונגערעטעניש. האט דער פעלאך פאר זיין שווערער פראצע אין משך פון דעם גאנצן יאר קיין פרוטה נישט באקומען. דער עפענדי איז אים קיין געלט פאר זיין ארבעט קיינמאל נישט שולדיק נאר א טייל פון דער גערעטעניש.



יחיאל היילפערין

דער עפענדי האט אין זיין ערד קיינמאל גארנישט ארײנגעלייגט, נישט קיין ארבעט, נישט קיין קאפיטאלן, נישט קיין איניציאטיוו און קיינע ווירטשאפטלעכע פאר·בעסערונגען. ער האט פון זיין ערד נאר גענומען, איר האט ער גארנישט געגעבן. אויך די רעגי·רונגס קאסע האט פון אים גאר·נישט געהאט, קיין שטייערן פלעגט ער קיינמאל נישט צאלן. אנ'·עפענדי למשל, באזיצט פיל טוי·זנטער דונאמען באדן און אין „טאבו" (ערד קאטאסטער) איז פארשריבן, אז ער באזיצט קוים הונדערט דונאם. דאס איז גע·מאכט געווארן מיט דעם צוועק אום אויסצומיידן שטייערן.

ביי דעם ווילדן אפגעלאזענעם טערקישן רעגירונגס - אפאראט, זיינען אזעלכע דערשיינונגען מעג·לעך געווען. קיינע שאסייען, קיינע וועגן צו זיין גרויסן גוט האט דער עפענדי קיינמאל נישט דורכגעפירט, קיין וואסער·לייטונג האט ער נישט איינגעארדנט, יעדן נאכמיטאק פלעגן זיך ארויסלאזן שורות ווייז צענדליקער פרויען פון זיינע ארבעטער קנעכט צו די קוואלן פון וואסער מיט זייערע קרוגן אויף די קעפ. צענדליקע פרויען פלעגן דארפן טאג טעגליך טראגן אויף זייערע קעפ דעם שווערן קרוג כמעט פון א מרחק פון איניקע קילאמעטער אום צו באזארגן מיט וואסער דאס הויז פון זייער האר. זיין תבואה פלעגט ארויסגעפירט ווערן פון זיין גוט און די נוי·טיקע שטאט פראדוקטן פלעגן אין אים ארײנגעפירט ווערן נאר אויף דעם הארב, פון די קעמלן און אויף דעם רוקן פון די אייזלען. דאס לעבן האט זיך געפירט ווי אין די צייטן פון רבקה אמנו.

(המשך קומט)

א. ג.

א. — ווייך.

# שאָקאָלאַד...

(פאָלקס-מאָטיוו)

אין אָ ענגען בוידעס-שטיבל
פון אַלע זייטן בלאָזט דער ווינט —
אין אַ וויגל אײַנגעטוליעט
ליגט דאָס קראַנקע, שוואַכע קינד.
און דערנעבן שטייט די מאַמע
שלינגט אַ טרער נאָך אַ טרער —
— זאָג מיין קינד, מיין טײַערער אוצר,
זאָג וואָס איז דען דיין באַגער?

— אָ, מיין גוטע, שיינע מאַמע.
איך בין פון טרוקן ברויט שוין זאַט,
גיב מיר אײַנמאָל א קליין שטיקל,
גיב מיר מאַמע, שאָקאָלאַד...
כ'האָב געזען די קליינע קינדער
אויפן פלאַץ ביים מאַגיסטראַט
האָבן זיי געגעסן קיכלעך
און אַזוי פיל שאָקאָלאַד...

— זאָג מיר מאַמע: צו וווינען אַלע,
אַלע מענשן אויף דער וועלט
אין אַ זעלכע ענגע שטיבלעך
ציטערן ווי איך פון קעלט?...
נאָך אײַנס מאַמע: צו געדענקסטו
פרייטיק אויף דעם נייעם מאַרק
איז פון שאָקאָלאַד געווען
אָנגעלייגט אַ גאַנצער באַרג?...

— שאַ, מיין קינד. ס'וועט דער טאַטע
געלט פאַרדינען זער פיל,
וועל איך שאָקאָלאַד דיר קויפן —
נאָר דערווײַלע שלאָף-זשע שטיל.
ס'וועט דער טאַטע געלט פאַרדינען
קויפן אונז אַ נייע היים,
וועט פון שאָקאָלאַד געקנאָטן
זיין די ציגל און דאָס ליים...

— — — — — — — —

אין אַן ענגען בוידעם-שטיבל,
פון אַלע זייטן בלאָזט דער ווינט —
און עס ראַנגלט זיך אין וויגל
מיטן טויט דאָס קראַנקע קינד...
און דערנעבן שטייט די מאַמע,
ס'ביסל חיות דערהאַלט זיך קוים —

— — — — — — — —

שאָקאָלאַדענע פאַלאַצן
זעט ער אין זיין לעצטן טרוים...

אפרים קליינמאַן.

# די בילדער-אויסשטעלונג פון משה אַפּעלבוים אין קאַטאָוויץ.

יינג איז דאָס יידישע לעבן אין קאַטאָוויץ. נישט אַזוי יינג, וואָס מחמת יינגקייט זאָלן שפּראָצן ליכטע, שפּילעוודיקע בוימעלעך אַרויסגעכשופט און געגלעט פון די וואַרעמע זונען-שטראַלן. ניין, אין געגנטייל: די יינגקייט פון יידישן לעבן אין קאַטאָוויץ דערמאָנט מער אין די יינגקייט פון אַ יתום וואָס האָט צו זיבן יאָר — זיבציק-יעריקע קנייטשן אויפן פּנים, אָדער אַן די יינגקייט פון אַ פאַרוואָרלאָזט ביימל וואָס דער האַרטער גורל האָט עס פאַרזעצט צווישן אומ'ברחמנות'דיקע פעלזן, וואָס יעדער וואָרצל, ווילנדיק צו דער פייכטער ערד דערלאַנגען, מוז מיט מסירת-נפש און איבערמענשלעכער אָנשטרענגונג פעלזן שפּאַלטן בכדי צו קענען אַדורכדרונגען.

איבערדעם מוז מיט פרייד באַגריסט ווערן יעדער איינער וואָס קומט צו אונז מיט אַ שטאַרקן אָטעם, וואָס איז אימשטאַנד, אויף וויפל נישט איז צו צעבלאָזן די וואָלקנס איבער אונזערע טריבע, פאַרוואָלקנטע הימלען און צו אָט די דאָזיקע איינציקע געהערט ביי אונז דער קונסט-מאָלער משה אַפּעלבוים.

ווי קומט ער דאָ אַהער צו אונז אויף דעם דאָזיקן אונדאַנקבאַרן באָדן?

די לאַגע פון יידישן קינסטלער איז לפי-שעה אַזאַ, אַז ער איז איבעראַל געזיכערט... צו שטאַרבן פאַר הונגער. אָבער די נאָז-קרומעניש איבער יידישע קונסט פון אַ דייטש-יידישן זיגפריד אָדער זיגפרידאַ איז אים דאָך מער ניחא ווי פון אַ פויליש יידישן מיעטשיסלאַוו אָדער מיעטשיסלאַוואַ.

א געשמאַק אַזאַ!

בלאָנדזשעט מען אַזוי אַרום איבער די זאַלן פון סוחרים-פאַריין נאָך דער פייערלעכער דערעפענונגס-רעדע פון ראַבינער ד"ר כאַמיידעס און עס ווילט זיך אַרומנעמען מיט איין בליק די גאַנצע גאַלעריע פון איבער הונדערט בילדער און געניסן דעם איינדרוק פון איין גוויסער, צוזאַמענגעגאָסענע וויזיע. שטויסט מען זיך אָבער אָן, אָן בינטעלעך און איינצעלנע מענשן וואָס שלענדערן אַרום באַוואָפנט מיט קאַטאַלאָגן. דערנענטערן זיך. דערווייטערן זיך. באַטראַכטן. וועגן און מעסטן. פאַלט מיר ערשט דאַמאָלס איין, אַז איך האָב דאָך אייגנטלעך אויך אַ קאַטאַלאָג און מ'דאַרף טאַקי אויך אַ קוק טון.

עס איז אָבער נישט קיין לייכטע זאַך צו ווערן איבערגאָסן מיט אַזאַ מעכטיקע כוואַליע פון פאַרבן און עקספּרעסיע, וועלכע פליצט איבער דיר מיט אַזאַ אומפּולסיווער קראַפט, און אויב מ'וויל זיין געוויסנהאַפט מוז מען אָנהייבן אייגפאַך פון:

„קדוש לבנה"

דאָס בילד נעמט אונז ממש אָן ביי די אוירן און פאַרוואַרפט אונז אין אַ קליינשטעטלדיקן מאַרק ווו אַ האָפטע יידן זיינען מחדש לבנה. באַגאָסן פון אַיין זייט מיט לבנה און שאָטן פון דער אַנדערער מיט לאָמטערן און שאָטן. די צעשויבערטע בערד און עבודת-הקודש-שטימונג דערמאָנט אונז אַז דאָס פאַרוואַנדעלטע מעריב איינגעפּעיִשע יידנטום האָט נאָך אַ ריזיקן גייסטיקן רעזערוו אין אָסטן...

(ענדע קומט.)

# דער מכניס־אורח

(א פאלקס־מעשה לויט י. אסמאן).

אין דער צייט פון בעל שם־טוב איז געווען א ייד, א גרויסער מכניס־אורח, וואס האט איבערגענומען אי דעם נאמען, אי די גרויסע מצוה פון אברהם אבינו.

קיין קינדער האט דער ייד נישט געהאט א לאנגע צייט, וויל זיין ווייב איז געווען אנ׳עקרה, פון קיין גט האט ער נישט געוואלט הערן און ווען ער האט אפגעלעבט מיט איר 10 יאר און זי איז נישט נפקד געווארן, און ווען אלע דאקטוירים האבן איר אפגעזאגט, אז זי קאן קיין קינדער נישט האבן, האט ר׳ אברהם אראפגעבראכט א בארימטן סופר און האט געהייסן שרייבן 2 ספרי־תורות: איינע פאר אים און איינע פאר זיין ווייב און האט זיי מיט גרויס כבוד אריינגעפירט אין שול, געמאכט די שיינע הופה, די רייכע התונה און די גרויסע שבע ברכות. דערנאך האט ער חתונה געמאכט עטליכע יתומים ויתומות און האט זיך ארויסגעקליבן פון שטאט, גענומען אנ׳ארענדע פון גרויסן פריץ, געעפנט זיינע טירן ברייט און ווייט, געמאכט אנ׳אמת הכנסת־אורחים פאר ארים און רייך.

אין דורכגעגאנגען א צייט און דעם ייד׳ס ווייב איז א־וועקגעקומען. דער ייד האט געטרויערט נאך איר א צייט און האט געפונען זיין טרייסט אין הכנסת־אורחים, וואס ער האט נאך מער און שטארקער אפגעהיטן. האט זיך געטראפן אמאל איז פארבייגעפארן אנ׳ארימאן מיט א בליק פון א מלכות און ער איז צוגעשטאנען צו אונזער מכניס־אורח, פארוואס ער זיצט אליין און טרויערט און האט נישט חתונה. אין אנהייב האט יענער נישט געוואלט צוהערן צו זיינע ווערטער, איז אבער דער ארימאן צוגעשטאנען צו אים ביז ער האט אים איבערגערעדט און גלייך געשדכנ׳ט א שידך מיט א בת־טובים און דער מכניס־אורח האט חתונה געהאט און איז געהאלפן געווארן מיט א טייערן בן יחיד. ער האט געדאנקט השם־יתברך פאר זיין חסד און זיך נאכמער געשטארקט אין דער מצוה פון הכנסת־אורחים.

דאס קינד איז געוואקסן געראטן, א קעפל זער א גוטס. מ׳האט געזען, אז עס וואקסט אנ׳עילוי. די בעסטע מלמדים האט דער פאטער אראפגעבראכט און דער בן־יחיד איז געגאנגען אלס העבער און העכער, ביז פון די רביים זיינען געווארן חברים און דערנאך גאר תלמידים.

א מאל האט זיך געמאכט, אז צום פריץ איז געקומען א פרעמדער ייד און האט געוואלט אונזער מכניס־אורח אויסדינגען די קרעטשמע. ר׳ אברהם אט אין הארצן אפילו נישט געטראגן קיין פארדרוס אויף דעם פרעמדן יידן, איין זאך האט אים אבער יא פארדראסן: דעד דאזיקער ייד וועט זיך דאך שעמען אדער גאר מורא האבן אריבערצוט, עטן זיין שוועל און ווו וועט ער זיין? וואס וועט ער עסן? און ווי קאן עס גלאט א ייד אריבערפארן זיין דארף און נישט שטיין ביי אים אין הויז?

איז ער אריבערגעגאנגען אין הויף אריין, האט איינגענומען דעם ייד מיט גוטע רייד, אים געזאגט, אז ער האט צו אים חלילה גארנישט, אז ער איז אים מוחל במחילה גמורה זאל אים גאט העלפן און געבן ברכה און הצלחה אין דעם נייעם געשעפט, נאר איין זאך בעט ער פון אים: ער זאל נישט פארשעמען זיין הויז און זאל זיין דארט א בן־בית די גאנצע צייט, וואס ער דארף זיין ביים פריץ, און ער איז נישט אפגעטרעטן פון דעם אויסדינגער ביז ער איז מיטגעגאנגען מיט אים און אפגעוועזן אין זיין הויז עטלעכע טעג. געגעסן, געטרונקן, געשלאפן און נאך אויס באלייט אין וועג אריין אויך.

אין א שטיקל צייט ארום איז דער בן־יחיד זער שלאף געווארן, לא־עלינו, עס איז געגאנגען פון טאג צו טאג ערגער דער צער פון דעם יידן איז געווען זער גרויס. ער איז כסדר געזעסן ביים בעט, געוואכט איבער זיין טייערן בן־יחיד און איז נאר אוועקגעגאנגען צו באדינען אנ׳אורח. איינמאל זיצנדיק ביי זיין קראנקן בן־יחיד׳ס בעט, איז ער איינגעדרימעלט פון מידקייט און הארצווייטאק, האט ער דערזעען דעם ארימאן, וואס האט זיך באוויזן צו אים נאך זיין ערשטער ווייבס טויט, און ער האט געזאגט צו אים:

„דיין קינד איז קראנק און דו זיצסט און ווארטסט! שטיי אויף, שפאן פערד און־וואגן און לויף צום בעל שם טוב איידער ס׳ווערט שפעט. אלץ וואס, ער וועט דיר הייסן, זאלסטו טון און נישט פרעגן קיין קשיות, און זיין קינד וועט האבן א רפואה שלמה!“

דער מכניס־אורח האט זיך אויפגעכאפט און זיין הארץ האט אין אים שטארק געקלאפט. דאס געשטאלט פון דעם וואונדערליכן אלטן האט נישט אפגעטרעטן פון זיינע אויגן האט ער געכאפט און געטון ווי דער אלטער האט אים אנגעזאגט אין חלום.

ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין מעזשיבעזש און האט אריבערגעטרעטן דעם בעש״ט׳ס שוועל, איז אים דער בעש״ט, אנטקעגן געגאנגען און געזאגט:

„שלום עליכם, ר׳ אברהם! דו וועסט מיר פאלגן און דער רבונו־של־עולם וועט צושיקן א רפואה־שלמה צו יצחק בן שרה!“

קיין קוויטל האט דער ייד נישט אפגעגעבן, קיינער האט אים דארט נישט געקאנט, האט ער געזען בחוש דעם אפענעם רוח־הקודש און ער האט מיט גרויס התפעלות אויסגערופן:

„הייליקער רבי, איך וועל אלצדינג פאלגן און טון!“

און דער בעש״ט האט געזאגט צו אים:

„פון דארף זאלסטו זיך ארויסציען און אריין אין דער שטאט בוקארעש.. דארט זאלסטו עפנען אנ׳הכנסת־אורחים און מער ווי פריאסטע מאכלים זאלסטו דיינע אורחים נישט געבן. דיין הויז זאל אפן זיין נאר פאר ארימע לייט און ביי איין טיש זאלסטו מיט זיי נישט עסן. דו און דיין ווייב זאלן עסן די גוטע מאכלים ווי פריער, נישט ענדערן אויף קיין האר, נייערט דיין זון זאל עסן די פראסטע מאכלים מיט די ארימע לייט צוזאמען ביי איין טיש, און שלאפן אויף א פראסט געלעגער מיט זיי. געדענק, דו זאלסט טון ווי איך זאג דיר אן און דיין קינד וועט מיט זיין ליבן נאמענס הילף געזונט ווערן, און דו וועסט פון אים האבן פיל נחת“.

דעם מכניס־אורח איז עס געווען זער קשה, ער האט זיך אבער דערמאנט אין דעם אלט נס ווערטער פון חלום און ער האט נישט געפרעגט קיין שאלות און געטון ווי דער בעש״ט האט אים אנגעזאגט, און דער בן־יחיד איז געזונט געווארן.

ר׳ אברהם איז א היים געפארן און האט זיך ווייטער גענומען פירן ווי א מאל.

ירחמיאל.

## דער „פּרעלעגענט"

( א סצעניש פּארזעניש אין א האלבן אקט. — קומט פאר אין א קליין פּראווינץ-שטעטל אין דער „סטראזשאצקר" שאפּע. — אויף דער עסטראדע באווייזט זיך דער פּארזיצער פון פּ׳חיין „ליטעראַרישע באקדייזשע" און האלט פאלגנדן ספּיטש:

— חברים און חברטעס! קאלעגן און קאלעזשאנקעס! פריינט און סימפּאַטיקער! מיר קענען אייך אנזאגן די גוטע בשורה, אז נאך גוואלטיקע אנשטרענגונגען איז אונז ענדלעך געלונגען אראפּצוברענגען נאר אויף איין רעפּעראט דעם באַרימטן רעטאריקער עראטיקער פסיכאלאג און דע׳זאגאג, חבר פּיסנאגע, פּראפעסאר פון קעמברידזשער אוניווערסיטעט אין עלקיש. ער וועט האלטן א רעפעראט אויף דער טעמא: „ פּאַרוואס האב איך ליב א געוועגזלטן הערינג? ״

כ׳בעט די חשובע פארזאמלטע צו אפּלאדירן.—

(אויף דער עסטראדע באווייזט זיך פּראפעסאר פּיסנאגע מיט א מאנאקל אין אויג, שטיפט אריין די פּאפּירנע מאַנקעטן אין ארבל, פּ.רריכט דעם ליטעראַרישן שניפּס, הוסט אפּ און הויבט אן מיט גרויס חשיבות:)

— האכגעשעצטעס פּובליקום! דער גרויסער אינדישער פּיעט פּאקיר מארק שאג.ל זאגט אין זיין בארימטעס ווערק „ווערטהערס ליידן" פאלגנדן העכסט סענסאַציאנעלן געדאנק; „ווילסטו דעם דיכטער פארשטיין, מוזטו אין דיכטערס לאנדע גיין" — דאס הייסט: ווייל מען וויסן די געשיכטע פון געוועגזלטן הערינג, מוז מען זיך באקענען קודם כל מיט דער ליטעראַטור וואס איז אויף דעם געביט געשאפן געווארן. פון די ארכעאלאגישע אויסגראבונגען אין עגיפּטן, איז באוויזט געווארן, אז די אלטע עגיפּטער האבן שוין געוווסט די קונסט פון וועגזלען הערינג. ס׳איז א סברא, אז צוליב דעם האבן די יידן געוואלט צוריקגיין קיין מצרים...

(דער פּרעלעגענט כאפּט זיך אלע ווײלע פארן בויך, קארטשעט זיך פאר גרויס יסורים און רעדט צו זיך שטילערהייט: אזא אלטע נבלה, אזא פאדלע! דער רוח האט איר אנגעטראגן מיט די הייסע קישקעלעך...״ — רעדט ווייטער מיט גרויסע יסורים: )

— דער גרויסער מענטשן-פריינט און האמאסעקסואליסט אסקאר ווילד זאגט אין זיין בארימט ווערק „שמוגלערס" אז דעפיניציעס און אקסיאמעס דאס זיינען סובסטאנצן פון פּולווערזאטארישן אטריבוט, אדער בעסער געזאגט: אטריבוטיווע סובסטאנץ — מיינט מען דעפיניציעס פון פּולווערזאטאַרישע אקזיאמען, כ׳מיין דעפיניציעס זיינען סובסטאנצן פון אקס... דאכט זיך אז מ׳האט מיר עפּעס געווארפן אין קאפּ. דאכט זיך אז מ׳פּילט עס...

(ס׳הויבן אן פליען פון אלע זייטן פארשטינקענע אייער)

חברים! כ׳וואלט געבעטן לאנגזאמער ווארפן די אייער מחמת זיי קענען נאך צובראכן ווערן — און נאך איינס וואלט איך אייך געבעטן, אז זיי זאלן זיין פרישע און אנגעק... — — גוואלט! וואס טוט איר! איר מאכט דאך א תל פון אנצוג, ער איז א געבארגטער... — — האט רחמנות! ווארפט נישט קיין בענקלעך, איר וועט דאך מיך דער׳הרג׳ענען! — — וואס? איר ווילט כ׳זאל אויפהערן צו רעדן!? מילא, וואס זאל איך טון, אז איר פארשטייט נישט קיין הויכע געדאנקען... — הערט אויף צו פּאטשן! — איר זייט נאך ערגער ווי די אראבער... גוואלט יידן, ראטעוועט, ראטעוועט!!!

## פון נאפּאלעאנס מאנטל — א פּרוכת.

דער באקאנטער קענער פון אלטן ארץ-ישראל, פנחס גראיעווסקי פון ירושלים דערציילט אנ׳אינטערעסאנטע מעשה, נעמלין, אז אין ירושלים געפינט זיך א פּרוכת אויף אנ׳ארון-קודש, וואס איז געמאכט געווארן פון אנ׳אויבערמאנטל פון דעם גרויסן פראנצויזישן קייזער נאפּאלעאן דעם ערשטן.

ווי אזוי קומט עס אזא זאך? און פון וואנען קומט אזא פּרוכת קיין ירושלים?

אלזא, די מעשה דערפון איז געווען אזוי. אין יאר 1812 האט נאפּאלעאן דער ערשטער, ווי באוווסט, איינגענומען מיט זיין גרויסער אַרמיי א סך שטעט אין רוסלאנד. אבער ביי מאסקווע האט זיין ארמיי געליטן א גרויסע מפּלה און נאך דער שלאכט ביי בארעדינא איז די גאנצע פראנצויזישע אַרמיי זיך צופאלן. די פראנצויזישע סאלדאטן, אפיצירן, גענעראלן האבן געהאלטן אין איין אנטלויפן. אויך נאפּאלעאן זעלבסט איז געצוווּנגען געווען צו אנטלויפן איינער אליין, און אזוי לויפנדיק, האט ער פארבלאנדזשעט אין א וואלד נעבן דער שטאט מאהילעוו. דערווייל איז דורך יענעם וואלד דורכגעפארן דער יידישער גביר פון מאהילעוו, ר׳ יוסף יונה לוריע, וועלכער איז געווען פּאדריאטשיק (צושטעלער פון זאכן) ביי דער רוסישער ארמיי. ווי נאפּאלעאן האט אים דערזען, איז ער צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט, צי ער איז א ייד. לוריע האט אים געענטפערט, אז יא. דאַרויף האט אים נאפּאלעאן זיך פארטרויט ווער ער איז און אים געבעטן, אז ער זאל אים דורך א זייטיקן וועג ארויספירן אויפן אלגעמיינעם וועג ביז צו א פראנצויזישן מיליטער-פּאסטן.

לוריע איז אפילו געווען געטריי דער רוסישער רעגירונג אבער ער האט דאך באשלאסן צו העלפן נאפּאלעאנען. ער האט אים טאקע ארויסגעפירט אויף דעם ריכטיקן וועג ביז צו א פראנצויזישן פּאסטן פון מיליטער. נאפּאלעאן האט אים זער געדאנקט און אלס-צייכן פון דאנקבארקייט האט ער גענומען פון לוריען לוריעס פוטער און געגעבן לוריען זיין אייגענעם אויבערמאנטל. אין דער פאמיליע לוריע איז דער אויבער-מאנטל אפּגעהיט געווארן אלס אוצר. ר׳ יוסף לוריע האט איבערגעמאכט דערפון א פּרוכת, אין יאר תרי״ג איז לוריעס אנ׳אייניקל, ר׳ וואלף לוריע געקומען קיין ירושלים און זיך דא באזעצט און ער האט דאס מיטגעבראכט דעם מערקווירדיקן פּרוכת אין ירושלים. דעם פּרוכת האבן געזען פארשידענע פראנצויזישע קאנסולן און געסט. אויך איצט געפינט זיך דער פּרוכת אין ירושלים און איז דאס אייגנטום פון ה׳ ישעיה לוריע.

## הומאָר.

### ביים עסן,

פארוואס טונקט מען איין די „המוציא" אין זאלץ? כדי מען זאל נישט פילן, ווי ביטער דאס שטיקל ברויט קומט אן.

### אין חדר.

רבי: פארוואס ווען מען רעדט צו דיר, ביזטו אזוי פארטראכט, אז די הערסט נישט וואס מ׳האט צו דיר גערעדט?

תלמיד: הא?!

# די ראַיאָן-קאָנפערענץ פון קק"ל

## אין סאָסנאָווצער שטאָט-טעאַטער.

זונטיק, דעם 8-טן ה. ח. איז פאָרגעקומען אין סאָסנאָוויץ די ראַיאָן-קאָנפערענץ פון די נאַציאָנאַל-פאָנד-עסקנים אין זאַגלעמביער קרייז צו וועלכער ס'זענען אויך געקומען אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן און געסט פון אַ דייע נענטערע שטעטלעך.

די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פייערלעכע פאָלקס-פאַרזאַמלונג אין שטאָט-טעאַטער (מיט אַ פאַרשפּעטיגונג איבער 2 שעה!). דער גרויסער זאַל איז געווען באַזעצט ביז צום לעצטן פּלאַץ. די בינע דעקאָרירט מיט נאַציאָנאַלע פּענער און מיט אַ גרויסע ווייס-בלויע פּושקע.

ביים פּרעזידיום-טיש זיצן אין דער ערשטע רייע די חשובע געסט ה'ה האַלפּערן (א"י), פּאַפּאָווסקי (וואַרשע), ראַטמ. פרוי ראָטנער (בענדין), פּר' סשאַווסקי; ה"ה י. מ. וויינריב, וו. ב. פּישעל, מ. האַמבורגער, ד"ר ט. מעלאַדיסטאַ, ראָזמאַן און אַנד. איבערן פּרעזידיום-טיש הענגט דאָס בילד פון פאַרשטאָרבענעם ציוניסטישן-טועו ד"ר אַ. פּערעלמאַן.

דער אָרקעסטער שפּילט דעם פּוילישן און יידישן נאַציאָנאַלן הימן (התקוה), און דער מורשה ה' שמואל אבראַמאָוויטש עפנט מיט אַ קורצער דערעפנונגס-רעדע די קאָנפערענץ אָנווייזנדיק אויף אירע הויפּטצילן און אויפגאַבן.

דעם פאָרזיץ איבערנעמט ד"ר ט. מעלאַדיסטאַ, וועלכער האַלט אַ לענגערע רעדע (אין פּויליש) וועגן דער לאַגע אין ציוניזם נאָך די אויגוסט געשעענישן און די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַל-פאָנד. ד"ר מ. באַגריסט דאַן די פאָרשטייער פון די מאַכט: סטאַראָסטע ה' לעכאָווסקי, פּאָליציי-קאָמענדאַנט ה' הענשעל ווי אויך אַלע אָנוועזנדע דעלעגאַטן און געסט, ווייזט אָן אויף דער סימפּאַטישער באַציונג מצד דער פּוילישער מלוכה צום ציוניזם (די דעקלאַראַציע פון געוועזענעם פּרעמיער גראַף אַלעקס. סקשינסקי) און פירט אויס: „מיר, יידן, האָבן דאָ, גאָרנישט געטון פאַר ארץ-ישראל, ווייל ס'איז אונז דאָ צו גוט געווען, ערשט די אויגוסט-געשעענישן האָבן אונז אויפגעוועקט פון דער „אַפּאַטיע"...

...די לעמפּ ווערן פאַרלאָשן, די פענער – איינגעבויגן, דער גאַנצער עולם דערהייבט זיך פון די ערטער און הערט שטייענדיק אויס די הזכרה, וואָס ד"ר מעלאַדיסטאַ מאַכט מיט אַ ציטערנדע שטימע די געפאַלענע יידישע העלדן אין ארץ-ישראל, דעם ד"ר אַ. פּערעלמאַן ז"ל (וועלכער האָט נאָך אָנגעפירט מיט דער פריערדיקער קק"ל קאָנפערענץ) און ד"ר ל. רייך ז"ל. „דער גייסט פון די פירער און העלדן וועט תמיד שוועבן פאַר אונזערע אויגן – רופט אויס ד"ר מ. — און אויך יעצט שווערן מיר ווייטער צו טראָגן דעם פאָן און גיין אין דעם וועג, וואָס איז דורך זיי אָנגעצייכנט געוואָרן". (רוישנדע אַפּלאַדיסמענטן).

דאַן הייבן זיך אָן די

### באַגריסונגען

דער ערשטער באַגריסט אין נאָמען פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַנ. פּרעזעס י. מ. וויינריב; פון „התאחדות" אַ. קאָן; דאָמבראָווער ואגל. ראַיאָן קאָמיטעט פון „פּועלי-ציון" (רעכטע)—י. גאָלדבערג; פון „וויזאָ", ציונ. אָרגאַנ. און קק"ל אין בענדין — ראַטמ. פרוי ראָטנער (אַ הערלעכע באַגריסונג אין העברעיש); פון „השומר הצעיר" — אַ. כלעפּוויצקי; פון „מכבי" — יוסף קלאָרמאַן (מעלדעט, אַז די פאַרוואַלטונג פון „מכבי" האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען דעפּ. גרינבוים אַלס איר ערן-מיטגליד; פון „האַנטווערקער - פאַריין" — ה' ברוינער; די בענדינער קהלה – פּרעזעס י. וויגאָדזקי; די סאָסנאָווצער קהלה (אין פאָרטרעטונג פון פּרעזעס ל. זענדעל)— פּרנס י. מ. וויינריב; פון קרן-היסוד — ה' ראַזמאַן; פון זעלבסטשטענד. סוחרים-פאַריין – ה' וואַרמאַן; פון „פרייהייט" — ה' קראַשניעצקי (בענדין); פון „החלוץ – י. מאַלי; רעוויזיאָניסטן — ה' זעלקאָוויטש (בענדין); פון קליינהענדלער-פאַריין — אַ. ווייס; „ברית טרומפּעלדאָר", „השחר", „גורדוניה", „הרצליה", „ירדניה" א. א.

אין מיטן די באַגריסונגען באַווייזט זיך אויף דער טריבונע דעפּ. י. גרינבוים, וועלכער ווערט אויפגענומען מיט שטורמישע לאַנג-דויערנדע אָוואַציעס, אַלע פאַרזאַמלטע שטייען אויף פון די ערטער, דער אָרקעסטער שפּילט „התקוה" אונטערגעהאַלטן פון גאַנצן עולם. דער פאָרזיצער ד"ר מעלאַדיסטאַ באַגריסט דעם חשובן גאַסט אין נאָמען פון אַלע פאַרזאַמלטע.

דעם פאָרזיץ איבערנעמט דאַן פּרעזעס י. מ. וויינריב, וועלכער דערטיילט דאָס וואָרט דעם דעלעגאָט פון א"י ה'

### יחיאל האַלפּערן

וועלכער גיט איבער אַ לעבעדיקן גרוס פון ארץ-ישראל יידנטום. ה' האַלפּערן מאָלט אויס אין אַ פּראַכטפולער שילדערונג און אין אַ מייסטערהאַפטער שפּראַך דעם פאַקטישן פאַרלויף פון די געשעענישן אין ארץ-ישראל, ווייזט אָן, אַז דאָס אומגליק איז נישט אַזוי גרויס און די לאַגע נישט אַזוי טרויעריק ווי די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט עס צובלאָזן. דאָס ארץ-ישראל-יידנטום איז אַרויס געשטאַרקט פון די אומרוהען. די איינציקע זאַך וואָס מיר האָבן געלערנט פון די לעצטע געשעענישן איז, אַז מיר דאַרפן פאַרפילפאַכן אונזער אָנשטרענגונג בכדי וואָס מער באָדן אויסצולייזן. דער עיקר האַנדלט זיך אין אויסלייזן דעם שטח פון ברעג ים, פון תל-אָביב ביז חיפה. די קליינע קאָלאָניעס מוזן פאַרגרעסערט ווערן, נייע פאָרשטעט און שכונות - עובדים וואַרבעטער-קוואַרטאַלן) מוזן אויפגעבויט ווערן, ספּעציעל אין די שטעט פון אַ געמישטער יידיש-אַראַבישער באַפעלקערונג.

דער רעפעראַט איז אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און דער רעפערענט איז באַשאָנקן געוואָרן מיט לאַנג-דויערנדע אָוואַציעס.

דעם צווייטן רעפעראַט האַלט דער פּרעזעס פון יידישער „קאָלאָ"

### דעפּ. י. גרינבוים

וועלכער דערגענצט אין אייניגע פראַגן דעם רעפעראַט פון ה' האַלפּערן, ווייזט אָן אויף דער וויכטיקייט פון פּלאַנמעסיקער ערד-איינקויף אין געוויסע פּונקטן אין צענטרום, אַרום דעם

שטח פון ים-המלח, רוטענבערג-קאָנצעסיע און דער עיקר אויסלייזן און צוזאמענבונדן דעם שטח פון יס-בערג. וועלכער וועט האָבן פאַר אונז א קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדייטונג. דעפּ. גרינבוים זאָגט זיך ארויס געגן פּראָיעקט פון שווייצאַרישן קאַנטאָנען-סיסטעם אין ארץ ישראל און ווייזט אָן, אז צו אַ קאָמפּראָמיס מיט די אַראַבער וועט נאָר דאַמאָלס קומען ווען די יידן וועלן זיין אין לאַנד נישט 18-20 נאָר 40-50 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג און נישט 1 נאָר 5 מיליאָן דונאַם ערד וועט זיין אין יידישע הענט.

אונטער די קלאַנגען פון „התקוה" און „תחזינה" איז זיך די פאַרזאַמלונג פאַנאַנדער-געגאַנגען.

פון נאָכמיטאָג ביז שפּעט ביי נאַכט זיינען אין זאַל פון „האָטעל-פּאָלסקי" פאָרגעקומען די ווייטערדיקע באַראַטונגען. דעם באַריכט און רעזאָלוציעס — אין נעכסטן נומער.

— ביי נאַכט איז אין די באַקוועמע זאַלן פון פריד'ס רעסטויראַציע (טאַרגאָוואַ 17) פאָרגעקומען אַ פייערליכער באַנקעט לכבוד די חשובע געסט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז צום אָפּפאָר פון דעפּ. גרינבוים (1 ביינאַכט) וועמען ס'האָבן באַגלייט אייניקע הונדערט פאַרערער.

ש.

# די שטאָט=ראַט=וואַלן אין קאַטאָוויץ.

דער פאַרלויף פון די וואַלן אין די פאַרשידענע אויבערשלעזישע וואַל-קרייזן, איז א דורך רואיק.

דאַגעגן ריכט מען זיך, אַז אין קאַטאָוויץ גופא, וועט שוין זיין גאָרנישט אזוי שטיל. ספּעציעל גרייט מען זיך אין קאָרפּאַנטיס חברה, (ביי די כאַדעקעס) וועלכע פירן א קאַמף מיט דער סאַנאַציע און וויל שלאָגן פּאַרטיי-קאַפּיטאַל מיט אַנטיסעמיטישע פּראָוואָקאַציעס. אויך צו שפּילן דעם אנטיסעמישן שדים-טאַנץ איז דאָ אַ רעדאַקטאָר מאָך מיט זיין קאַפּעליע.

דער רעדאַקטאָר „מאָך" פאַרנעמט זיך אין זיין גאַסן-בלעטל „דאָ טשינו" איינציק און אליין, מיט די „פּאָליטיק פון יידן-פּרעסעריי."

אין דער יידישער גאַס איז בכלל שטיל בעת, אין אַלע אַנדערע פּאַרטייען, רופט מען פאַרזאַמלונגען מיט אַ ברייטן אַגיטאַציאָנס=פּאַרנעם.

דער אַנטיסעמיטיזם אין אויבערשלעזיען שטעלט אין א סכנה די יידישע עקאָנאָמישע לאַגע. אין דער פרי ווען מען גייט ארויס אין קאַטאָוויץ אויף דער גאַס, זעט מען הענגען אַפּישן מיט דער אויפשריפט: „קויפט נישט ביי יידן. אַלץ קענט איר באַקומען ביי קריסטן". אויך די באַציונגען פון די באַאַמטע צו יידן איז נישט קיין איבעריקעס פריינטלעכע... די שטייערן-לאַסט רונאירט פּשוט די יידישע באַפעלקערונג. אויף די פּראָטעסטן פון יידישן קליינהענדלער ענטפערן די שטייערן-באַאַמטע: „ווער הייסט אייך האָבן געשעפטן? גיט זיי אויף...

ס'זענען דאָ אין קאַטאָוויץ 30 פּראָצענט פון יידישע אַרבעטער פאַמיליעס, וועלכע האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, און דער „מיטע-אמט" באַציט זיך פּאַרטייאיש צו דער יידישער אַרבעטער-באַפעלקערונג, נישט-יידן באַקומען א סך פריער וואָנונגען ווי יידן און עס וואַרטן שוין יידישע בעלי-מלאכות צו 4—5 יאָר און באַקומען נישט פון מיטע-אמט קיין וואָנונג.

די יידן האָבן געהאַט אַ פאַרטרעטער אין „מיטע-אמט", האָט מען אים אונדירעקט ארויסגעשטויסן, ווייל ער האָט נישט געקענט צו-זעען די עוולות וואָס מען באַגייט קעגן יידן. און דאָס וועט זיין טאַקע אין דער צוקונפט; די איינציקע אויפגאַבע פון אונזער שטאָטראַטס-מאַן, צו פירן א קאַמף וועגן די דירות-נויט.

אין א געשפּרעך מיטן אינזש. שמיגראַד, וועלכער קאַנדידירט אויפן צווייטן אָרט, (פּאַרזצ. פון קויפמענישן-פאַריין) האָט ער מיר דערקלערט פאָלגנדעס:

ס'זענען געוועזן פיר טויזנט יידן שטימבארעכטיקטע אין קאַטאָוויץ, דערפון זענען דאָ 400 אַסימילאַנטן און כמעט 1900 שטימען האָט מען געפּסלט מיט פאַרשידענע אויסריידן. שולדיק איז געווען אביסל דערין אויך דער נישט אָרגאַניזירטער „וואַל-קאָמיטעט". אלזאָ סוף כל סוף, בלייבט איבער צו-שטימען מיט די רעקלאַמירטע שוין 1900 שטימען, ווייל נישט אלע וועלן זיך באַטייליקן, וועט זיין אפילו ביי א גונסטיקע קאָניוקטור, 1700—16 ריינע יידישע שטימען וואָס געבן איין מאַנדאַט ווייל בערך 900 שטימען וועט מען דאַרפן אויף א מאַנדאַט.

דער חוב פון יידישן ראַטמאַן בנוגע די יידישע באַפעלקערונג וועט אין דער ערשטער רייע זיין דאָס באַקעמפן די דירות-נויט און צו פאַרלייכטערן די אונדירעקטע שטאַט-שע שטייערן. פון די אַסימילירטע קהלה האָבן מיר גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן, זי וויל נישט פאַרשטיין און קענען די יידישע נויט.

יהודה קאַננער.

— מאַנטיק א זייגער 11 פרי אין קאַטאָוויץ אויף דער מיצקיעוויטשאַ-גאַס איז דער באַוווּסטער אנטיסעמיט לעאָפּאָלד וויעטשאָרעק פון באָגוטשיץ באַפאַלן דעם דורכגייענדן ייד רחמיאל העללער פון בענדין און אים מערדערלעך צושלאָגן. העללער איז געפאַלן א צובליטיקטער אויפן טראָטואַר. בשעת מעשה איז אַדורכגעגאַנגען דער יידישער שילער אָסקאַר גרינבערג, דערזעענדיק דעם ייד אין אזאַ צושטאַנד, איז ער באַלד געלאָפן נאָך פּאָליציי. דער פּאָליציאַנט אָבער האָט זיך נישט געאיילט. אויך די קאַטעגאָרישע פאָדערונג פון גרינבערגן איז דער פּאָליציאַנט ענדלעך צוגעגאַנגען צום צושלאָגענעם ייד, בעת דער שלעגער איז פאַרשוווּנדן. די יידישע דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אז מ'האָט דעם געשלאָגענעם צובראָכן דעם ביין אין דער נאָז. דער ענין איז אַריבער אין געריכט.

# כראניק.

### סאסנאוויץ.

## אלגעמיינע פארזאמלונג פון האנטווערקער-פאריין.

זונטיק, דעם צווייטן ה. ח. איז ענדלעך צושטאנדגעקומען די לעצטע און ענדגילטיקע אלגעמיינע פארזאמלונג פון סאסנאוויצער האנטווערקער-פאריין, ווו ס'איז אויסגעוועלט געווארן א פארוואלטונג און דער עיקר — די קעמפנדע צדדים האבן אין דער טובה פון דער אלגעמיינער האנטווערקער-זאך — אוועקגעלייגט דאס געווער.

דעם פארזיץ פירט ראטמ. ד"ר י. ראטשטיין, אין פרעזידיום — די ה"ה אפאטאווסקי און ברוינער, סעקרעטאר — ה' פאריזער.

דער פארזיצער ה' ד"ר ראטשטיין עפנט די פארזאמלונג און ווענדעט זיך מיט א ווארימען רוף צו אלע אנוועזנדע אין וועלכן ער ווייזט אן צווישן אנדערעס אויף דעם שווערן קריזיס, וואס דאס סאסנאוויצער האנטווערקערטום לעבט דורך אין איצטיקן מאמענט. די הייניטיקע פארזאמלונג — רופט אויס ד"ר ראטשטיין דארף ברענגען שלום און קאנסאלידאציע צווישן די 2 געגנערישע מחנות. דער קאמף האט נאר שאדן געברענגט. ס'איז שוין די העכסטע צייט ס'זאל הערשן א ברידערלעכע אטמאספערע און דער יידישער האנטווערקער זאל פארנעמען דעם ריכטיקן ארט, וואט קומט אים אלס דעם פראדוקטיוויסטן עלעמענט אין דער יידישער גאס.—

דעם באריכט פון האנטווערקער צוזאמענפאר, וואס איז פאריקן מאנאט פארגעקומען אין סאסנאוויץ, גיבן איבער די ה"ה ווארשאווסקי און זילבערשלאק.

נאך די רעדעס פון די ה"ה איטשע גרינפעלד, שייער, ראטשטיין, אפאטאווסקי, ראטנשטיין, לאנדנער, שטערן א. א. אין וועלכע אלע רופן צו שלום אין דער האנטווערקער-משפחה, ווערט אויסגעוויילט א קאמיסיע אויף דורכציפירן די וואלן.

אויסגעוויילט זיינען געווארן אין דער הויפט-פארוואלטונג די ה"ה: א. אפאטאווסקי (מיט 102 שטימען אויף 109 שטימבארעכטיקטע), דאווידאוויטש, פאריזער, גרינפעלד, יעקב ראטשטיין, איטשע ראטנשטיין, שטערן, ליפנער און זילבערשלאק (דער לעצטער האט זיך אפגעזאגט). פארטרעטער: די ה"ה ראטער, לאנגער, גרינבערג און צימבערקנאפ. אין דער רעוו. קאמיסיע: ד"ר י. ראטשטיין, ד. לאנגער און זאיאנץ. פארטרעטער — ה' קוטשינסקי.

א חוץ דעם איז באשלאסן געווארן צו גרינדן ביים פאריין אן'ערן-געריכט צו וועלכן יעדער צעך וועט דעלעגירן זיינס א פארשטייער געוויילט אויף אן'אלגעמיינער צעך-פארזאמלונג. דעם פארזיץ פון געריכט נעמט איבער דער פרעזעס פון דער הויפט-פארוואלטונג אדער דער פרעזעס פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע.

---

אויף דער קאנסטיטואירנדער זיצונג פון דער נייער פארוואלטונג איז אלס פרעזעס פון דער סאסנאוויצער האנטווערקער ארגאניזאציע איינשטימיק אויסגעוויילט געווארן דער באקאנטער האנדווערקער-טוער ה' אברהם אפאטאווסקי.

סאיז צו האפען, אז דער נייער פארוואלטונג אין וועלכער ס'זיינען אריין די פעהיקסטע און בעסטע מיטגלידער פון ארטיקן האנטווערקער פאריין וועט ענדלעך געלונגען אוועקצושטעלן זייער זער וויכטיקע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציע אויף איר געהעריקער הויך.

## געפלאנט און נישט אויסגעפירט.

ווי מיר דערוויסן זיך איז דעם לעצטן זונטיק פארגעקומען א דרינגענדע פארזאמלונג פון דעד „צעירי" און „פועלי-אמוני ישראל" וועלכע האט, אין צוזאמענהאנג מיט דעם לעצטן ארויסטריט פון דעפ. י. גרינבוים אין סיים געגן דער ארטאדאקסיע, באשלאסן צו קומען אין גרעסערע גרופן אין שטאט-טעאטער מיטן ארטאדאקס. פיינער שרייבער בראש און מיט שארפע צווישענרופן אויפרייסן די פארזאמלונג [בשעת דעפ. גרינבוים וועט אנהויבן ריידן.

אין דער לעצטער מינוט האט דער ה' פיינער הפנים זיך ארומגעזען, אז געניסנדיק פון זיין זשורנאליסטישער רעכט איז א ביסל נישט אנשטענדיק צו מאכען א טומל האט ער זיך צוריקגעצויגן און צוזאמען מיט אים די עטליכע צענדליק חסידישע יונגעלייט אויף דער גאלעריע.

## געשטארבן דער וויצע-פרעזעס פון דער סאסנאוויצער האנדלס-קאמער.

פאראכטאגן פרייטיק איז געשטארבן דער וויצע-פרעזעס פון דער סאסנאוויצער האנדלס- און אינדוסטרי-קאמער ה' יאן מייערהאלד.

דער פארשטארבענער איז געוועזן באקאנט אלס איינער פון די פעהיקסטע און בארימסטע אינדוסטריעלער און באנקירער אין זאגלעמביע.

## פאר מחלל זונטיק זיין...

פאריקע וואך זיינען די פירער פון דער ייד. סוחרים-באנק („קופיעצקי") אין סאסנאוויץ, די ה"ה י. מ. ווייגריב נ. אבראמטשיק און פ. קלעפפיש, באשטראפט געווארן דורכן היגן קרייז געריכט צו באצאלן צו 200 זל. יעדער אדער 2 וואכן ארעסט פאר מחלל-זונטיק זיין אין דער באנק

## לערנט אייך אונטער-שרייבן!

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס פארשידענע בענק און אפילו פריוואט דיסקאנטערן זאגן זיך אפ צוצונעמען וועקסלען, וואס זענען נישט קלאר אונטערגעשריבן — וועט בקרוב דערשיינען א ספעציעלע פאראדענונג, וועלכע וועט דעם ענין-אונטערשריפטן פולשטענדיק רעגולירן.

## פארזיכטיק מיט דינסטן.

דאס סאסנאוויצער קרייז געריכט האט באשטראפט מיט 14 טאג ארעסט די 20 יעריקע דינסט ע. שימטשיק (פון שלעזיען) פאר צוגנבענען גארדעראבע און אנדערע חפצים ביי ח' פייוול אינאווראצלאווסקי, טארגאווע 16.

## צו די שלושים פון הרב הגאון ר' איצקל זצ"ל

דעם קומענדיקן מאָנטיק ווערט 4 וואָכן ווי ס'איז נפטר געוואָרן דער סאָסנאָוויצער מרא-דאתרא, הרה"ג ר' איציקל גליקמאַן זצ"ל, אין בליענדן עלטער פון 54 יאָר.

מיט דעם גרויסן נפטר איז פארשוואונדן א שר וגדול בתורה — אַ מיט רעכט גערופענער „אחד משאירי הגאונים" — אַן אונגעוועהנליכער בקי בכל מקצעות התורה, בנגלוי ובנסתר, אַ פּאַטענטאַט אין דער הוראה; ס'פלעגן צו אים אָנקומען הארבע שאלות פון רבנים מארבע פנות העולם, ווו ר'איז געווען באקאַנט אין דער רבנישער וועלט אלס זקן הוראה—.

דער נפטר איז געבוירן געוואָרן אין זשאַלקיעוו (גאַליציען, אַ שטאָט פון לומדים) אין תרל"ה. ער האָט געשטאַמט פון גאָר גרויסן יוחס: אָלעסק, בעלז, ראָפּשיץ, אָפּט טאָמאַשאָוו א. א., שוין אלס יינגל איז ער געווען בארימט אלס וווּנדער-קינד, געשמ'ט אין גאַנץ גאַליציען אלס „דער זשאָלקיעווער עליו" געלערנט ביים באַרימטן בעל מקובל און מחבר פון „לב שמח" שוין אינם צענטן יאָר באַקומען סמיכה אויף הוראה, פון באַרימטן גאון ר' איטשע עטינגער (לעמבערגער רב) און דער בערזאַנער רב, האָט אים צו 12 יאָר צוריקגעשיקט קיין בעלז צום אלטן בעלזער רבין זצ"ל, ערקלערנדיק דאָס דער תלמיד האָס איבערשטיגן דעם רבין. און דאַמאָלס האָט זיך דער אַלטער בעלזער רבי זצ"ל זיך אויסגעדריקט: אַז אַזא מוח און נשמה איז שוין נישט געווען זייט 300 יאָר.

קרוב 30 יאָר האָט דער גרויסער נפטר זצ"ל פארנומען דאָס סאָסנאָווצער כסא-רבנות, געווען אַ ליכטיקע געשטאַלט, כל ימיו אַן עניו, א בורח מן הכבוד, א שונא-בצע, און דערצו א זעלטענער חכם, און א דאנק זיין חכמה און גרויסע ערלעכקייט איז ער געווען אַן איבערפּאַרטייאישער מענש, אין געהאַט הייסע אנהענגער אפילו אין די פרייע קרייזן. אינם לעצטן טראַגישן מאָנטיק האָט ער ווי געוועהנלעך געפּסקנט שאלות און מפלפל געווען אין הלכות. 15 מינוט פאַרן הסתלקות האָט ער געדאַוונט הויך מעריב און נפטר געוואָרן ממש בנשיקה.

---

דעם קומענדיקן דאָנערשטיק ד. ה. צו די שלושים, וועט מספיד זיין דעם גרויסן נפטר, אין דער שטאָטישער שול, דער קעניגסהוטער רב ר' יאָסעלע בלומענפעלד שליט"א (דעם נפטרס אַ תלמיד)

---

## מאַשינען וועלן נישט רעקווירירט ווערן!

ס'פאַסירט זער אָפט, אַז די סעקוועסטראַטאָרן פון שטייער אַמט נעמען צו פאַר שטייער חובות די גאַנצע וואַרשטאַטן פון בעלי-מלאכות.

מיר קלערן דריבער אויף, אַז מאַשינען פון בעלי-מלאכות א. ד. ג. ווערק-געצייג קענען לויטן פאַראַגראַף 815 פּ. 5. פון דער ציוויל-פּראָצעדור געזעצליך באַפרייט פון סעקוועסטער אויף דעם געגעבענער האַנטווערקער וועט קענען באַווייזן אַז די דאָזיגע מאַשין איז אים אונבדינגט נויטווענדיק אויף צו דערהאַלטן זיין עקזיסטענץ.

## מענשן ווען נישט.

לויט סטאַטיסטישע ציפערן זיינען אין חודש ליסטאָפּאַד אריינגעקומען קיין סאָסנאָוויץ 735 מענער און 667 פרויען; פון אויסלאַנד: 751 מענער און 620 פרויען.

ארויסגעפאָרן פון סאָסנאָוויץ זיינען 670 מענער און 570 פר-יען; קיין אויסלאַנד זיינען ארויסגעפאָרן 739 מענער און 597 פרויען.

## אַ גרויסע פאָלקס-פאַרזאַמלונג.

מאָרגן, שבת, דעם 14-טן דעצעמבער 1 אַ זייגער נאָכמ. וועט אין דער סאָסנאָווצער שטאָט-שול פאָרקומען אַ גרויסע פאָלקס-פאַרזאַמלונג אויף וועלכער דער באַוווּסטער דיכטער ה' יחיאל היילפּערין וועט האַלטן אַ רעפעראַט וועגן אַן'ענין וואָס אינטערעסירט היינט אַזוי שטאַרק דאָס גאַנצע יידנטום. א. ד. ט. „יידן און אראַבער אין ארץ-ישראל", אין וועלכן

דער טאַלאַנטפולער רעדנער וועט איבערגעבן אַ רייע שילדערונגען פון יידישן לעבן אין ארץ-ישראל, פון די ערטער מיט אַ געמישטער יידיש-אראַבישער, פון א ריין יידישער און פון אַ ריין אראַבישער באַפעלקערונג.

דער איינטריט איז פריי פאַר יעדן.

## פאַרזוימט נישט!

כדי אויסצומיידן אַ געדראַנג און אונאַנגענעמליכקייטן, מאַכט די פאַרוואַלטונג פון האַנטווערקער-פאַריין אויפמערקזאַם, אַלע מיטגלידער און נישט-מיטגלידער, אַז זיי דאַרפן וואָס גיכער זיך מעלדן אין סעקרעטאַריאַט פון פאַריין (טאַרגאָווע 9) אויסצוקויפן פּאַטענטן אויפן יאָר 1930. דער לעצטער טערמין איז דעם 31-טן דעצעמבער. דער טערמין איז נישט פאַרלענגערט געוואָרן.

גלייכצייטיק ווערן אַלע מיטגלידער אויפגעפאָדערט צו באַצאָלן די פאַרלעגענע מיטגלידס-בייטראַגן.

## פון „מכבי"

דער היגער טורן און ספּאָרט פאַריין „מכבי" אָרדנט איין חנוכה, גראַד ווי יעדעס יאָר, אַ גרויסן טורן-פעסט אין זאַל פון שטאָט-טעאַטער מיטן אָנטייל פון אַלע גרופּן.

## „מירעלע אפרת"

היינט, פרייטיק ווערט געגעבן אין שטאָט-טעאַטער צום דריטן מאָל מיט גרויס ערפאָלג די באַוווּסטע פּיעסע פון י. גאָרדין אין פויליש.

# די אויפגאַבען פון קרן-קימת נאָך די בלוטיגע געשעהענישען אין ארץ-ישראל.

1) די קליינע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל די וועניג בעפעלקערטע און ווייט אָרויסגערוקטע פון אידישן צענטער מוזן יעצט פערשטאַרקט ווערן דורך אַ גרעסערע צאָהל איינוואוינער, און דעם איינקויף פון נייעם באָדען ארום די קאָלאָניעס האָט אויף זיך גענומען דער קרן-קימת לישראל.

2) אין די שטעדט פון אַ געמישטע אידישע און אַראַבישע בעפעלקערונג, מוזן פערשטאַרקט און פעדגרעסערט ווערן די בעזונדערע אידישע פאָרשטעדט און גאָרטען שטעדט, וועלכע בעדאַרפען ווי מיט אַ אייזערנע קייט אַרומרינגלען די אַלטע שטעדט פון אַלע זייטן — און דעם איינקויף פון נייעם באָדען אַרום-און-אַרום די אַלטע שטעדט האָט אויף זיך גענומען דער קרן-קימת לישראל.

3) אום צו פערגרינגערען דעם יונגען אידישען ארבייטער, דעם חלוץ, אַריינצודרינגען אין דער לאַנדווירטשפאַט מוזן אַרום די רייכע קאָלאָניעס אויפגעבויט ווערן ארבייטער-קוואָרטאַלען — און די אויפגאַבע פון איינקויפן באָדען פאַר די נייע קוואָרטאַלן האָט אויף זיך גענומען דער קרן-קימת לישראל.

4) דער ברעג ים פון חיפה ביז צו דרום-זייט פון תל-אביב אויף אַ לענג פון 85 קילאָמעטער געפינט זיך שוין כמעט אין גאַנצען אין אידישע הענט — און נאָר גאַנץ קליינע שטרעקעס פון נאָך נישט אויסגעקויפטען באָדען האָקט איבער אונזער ערד-אַייגענטום ביים ברעג-ים — די שטרעקעס מוזען יעצט ווי אמשנעלסטען אויסגעקויפט ווערען — און די גרויסע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען דער קרן-קימת לישראל.

5) די גרויסע רוטענבערג-קאָנצעסיע צו עלעקטריפיצירען דאָס לאַנד און די גרויסע נאַוואָמייסקיס-קאָנצעסיע אויף די כעמישע שטאָפען פון ים-המלח געפינען זיך טאַקי אין אידישע הענט — אָבער דער באָדען ארום די גרויסע און רייכע קאָנצעסיעס איז נאָך נישט אויסגעקויפט. דער יעצט ביליגער און בעדייטונגס-לאָזער באָדען וועט גאָר אין גיכען ווערען אונגעהויער טייער און אונשעצבאָר און עס מוז ווי אמגיכסטען אין אידישע הענט אַריבער — אויך די גרויסע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען דער קרן-קימת לישראל.

קליינע פונאַנדער-געוואָרפענע אידישע קאָלאָניעס מוזען זיך איינע צו דער צווייטער אַ האַנט אויסשטרעקען און דער פרעמדער באָדען צווישען זיי מוז פון אידען און פאַר אידען אויסגעקויפט ווערען — און אויך די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען דער קרן-קימת לישראל.

צוליב די אַלע צוועקען מוז דער קרן-קימת אין דעם לויפענדען יאָר זיינע הכנסות פערדאָפּלען און יעדער איד וועט זיין געטריישאַפט צו אונזער פאָלקס-פאָנד ארויסווייזען.

---

די צענטראַלע פון קרן-קימת האָט יעצט פראָקלאמירט אַ דונאַם-קאַמפּיין. יעדער דונאָם ערד אין ארץ-ישראל קאָסט 5 פונט. יעדער פערמעגליכער איד קויפט אליין אויס אַ דונאם אָדער אַ גרעסערע צאָהל דונאמען ערד. נישט-פערמעגליכע קויפן אויס איין דונאָם בשותּפות.

---

אין סאָסנאָוויץ ווײלט איצט אין אַ משך פון איינינגע טעג דער דעלעגאַט פון קרן-קימת-לישראל פון ירושלים, דער בעקאַנטער פעדאַגאָג און שריפטשטעלער ה' יחיאל הײלפּערין, און מיט זיין אַנטייל פראָקלאַמירען מיר די דונאם אקציע אויך ביי אונז אין סאָסנאָוויץ.

סאָסנאָוויצער ציוניסטען! שטעלט זיך אין די רייהען פון די אַקטיווע אַרבייטען פאַר דער דאַזיגער דונאַם-אַקציע!

סאָסנאָווצער אידען! שטיצט דעם קרן-קימת-לישראל, העלפט אויסקויפען און אויסלייזען די ערד פון אונזער לאַנד!

**דער ועד פון קרן-קימת-לישראל**

**אין סאָסנאָוויץ.**

## בענדין.

### רעפעראט פון דעפ. י. גרינבוים.

ווגטיק דעם 8-טן ה. ח. איז אין זאַל פון טעאטער „קאָדסאַ“ פאַרגעקומען א רעפעראַט פון דעפ. י. גרינבוים א.ד.ט. „די געשעעגישן אין ארץ-ישראל און וואָס ווייטער“.

א באַריכט פון דער זער אינטעראַסאַנטן רעפעראַט וועלן מיר געבן אין נעכסטן נומער.

שבת-צו-נאַכטס איז אין די עלעגאַנטע זאַל פון האָטעל „בריסטאָל“ (פון ה' באַזשיקאָווסקי) פאַרגעקומען אַ אויפנאַמע לכבוד דעם גאַסט מיטן אנטייל פון די בענדינער פּני.

### „הכח“ ארדנט איין א „באַל“

דעם 28-טן ה. ח. ווער פּאַרקומען א גראַנדיעזער באַל מיט א רייע קאַנקוסן אויף דער „גורא זאַמקאָווא“ איינגעאָרדנט דורך דער פאַרוואַלטונג פון טורן-און ספּאָרט-פאַריין הכח.

### אַ העלדישער פּחדן.

ביי ישראל פישעל (אַלטער מארק 2) וווינט זייט א לענגערע צייט זיינער א קוזין, דער 17-יעריקער דוד צווייגענהאפּט. היינטיקן מאָנטיק האט דער ה' פישעל געמאָלדן דער פּאָליציי, אז זיין „טייערער“ קוזין האָט אים צוגע'גנב'עט שמוק אין דער ווערט פון 3.000 זל. ווען ר' דוד'ל האָט זיך דערוווּסט וועגן דער מעשה, האָט ער תיכף צוריקגעבּרענגט די גע'גנב'עטע חפצים און אַליין איז ער, אין דער מורא פאר אַ שטראף — אנטלאָפן. דער יינגער קוזין ווערט יעצט געזוכט דורך דער פּאָליציי.

### א קאָנצערט לטובת א וויכטיקן צוועק.

דינסטיק, דעם 17-טן ה. ח. וועט אין טעאַטער-זאַל „קאָרסאָ“ פאַרקומען אַ קאָנצערט לטובת דעם „זעלבסטהילף-קרייז“ פון די שילערינס אין דער גימנאַזיע פון פרוי באַיאַרס-קאַ — מיטן אנטייל פון באַוווסטן אָפּערן-זינגער ק. קניאַני-גינין און פרל. עדאַ באַיאַרסקאָ (טאָכטער פון פרוי באַיאַרסקאַ) א סאָפּראַן-זינגערן, א. א.

ווי ווייט ס'איז דער אינטערעס צום דאָזיקן קאָנצערט איז צו זען דערפון, וואָס כמעט אלע בילעטן זיינען שוין אויספאַרקויפט געוואָרן.

### פון אויבערשלעזיען.

מאָנטיק, דעם 9-טן ה. ח. איז פאַרגעקומען אין קאַטאָוויצער קהלה-זאַל אַ רעפעראַט פון פר. חנה שטיינבערג פון פראַג א. ד. ט. „די קולטור-אַרבעט פון דער יידישער פרוי.“

פר. חנה שטיינבערג געהערט צו דער פעמיניסטישער אָרגאַניזאַציע שוין העכער 16 יאָר און אין איר עמאַנציפּאַ-ציע-טעטיקייט צווישן די יידישע פרויען, האט זי צו פאַרצייכענען אַ רייע דערפאָלגן.

דער רעפעראט איז דורך געלונגען.

— פון נאָוואָ-וויעש קומען אָן טרויריקע ידיעות, אז דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ חברה כוליגאַנישע כאדעקעס און שלאָגן יעדן קריסטלעכן קונה, וואָס גייט אריין קויפן אין א יידיש געשעפט.

---

די אַרטיקלען פון אונזערע השובע מיטארבעטער האַנדלס-ראַט ה' ה. אַלינער, דר. י. ראַטשטיין, דר. אסתרזאָן, י. קאַננער און י. שווייצער — קומען אין פאָלגנדן נומער.

---

דעם רעדאַקטאָר פון „זאַגלעמביער-צייטונג“

# ה' ל. שפּיגעלמאַן

צוליב דעם טויט פון זיין

# פאָטער ז"ל

דריקט אויס מיטגעפיל

דאָס רעדאַקציע קאָלעגיום פון „זאַגלעמביער לעבן“

---

Ceny ogłoszeń: cała strona – zł. 120; pół strony – zł. 65; ćwierć str.–zł. 35; szestnastka str.–zł. 12,50.
gratulacje począwszy od zł. 3,– drobne ogłoszenia 10 gr. za wyraz.

Redaktor odpow.: I. Piekarski. Druk. „Energja“, Sosnowiec, Kołłątaja 6 Wydawca: S. Siwek.

# שוין צייט!

זיך צו פארזען מיט ווינטער=מלבושם

אין דעם ערשטקלאסיקן פוטער = געשעפט

— פין —

# W. MANNES

סאסנאוויץ, 3=טן מאי=גאס 21. --- טעלעפאן 7-59.

באזיצט אויף לאגער און פירט אויס

אלע ארט עלעגאנסטע הערן און דאמען = פוטערס.

רעיעלע באדינונג!

קאנקורענץ פרייזן!

צוגענגליכע באדינגונגען!

# GENERALE - PNEU

## KATOWICE

ul. św. Jana 6. --- Telefon 1-90.

## Auto-Wanderer

Oryginalne amerykańskie części „CHEVROLET".

| | |
|---|---|
| Masywy,<br>Opony, dętki,<br>oliwa, przybory<br>samochodowe etc. | Vollgummi<br>und Auto-Reifen.<br>Schläuche, Oel,<br>Autozubehor etc. |

# Ważne dla Kupców i Handlarzy!

Polecamy nasze wyroby wszelkich artykułów

## Kosmetyczno-chemiczno technicznych

własnej fabrykacji i najlepszego gatunku po najniższych cenach.

Wytw. chemiczna **„SILESIA"** Mysłowice-Słupno.

Dla przedstawicieli odpowiedni rabat. — Zapytania pisemne skierować na adres Administr. „Zagłembier-Lebn"
Załączyć znaczek pocztowy za 50 gr.



**Zakład Rytowniczo-Pieczątkarski**
**M. GOLDKORNA**
**w Sosnowcu, ulica Warszawska 12**
(w gmachu sądowym)
**wykonywuje wszelkie roboty w zakres rytownictwa wchodzące.**
**Robotę wykonuje akuratnie, solidnie i po cenach przystępnych.**

די בעסטע, שמאקהאפטע **וואורשט**

יעדן טאג פרישע

איז צו באקומען נאר ביי

# י. סאפירשטיין

סאסנאוויץ. מאדזעיאווסקא 8. — טעל. 6-57

באמערקונג: סאפירשטיינ'ס פארוואקעס ווערן גענוצט
אלס ערנערונגס-מיטל פאר קינדער.

Żądajcie! Żądajcie!

najlepsze przetłuszczone
— —mydło toaletowe— —

**„PRZEBÓJ"**

Fabryka perfum i mydeł toaletowych SAPODOR, Warszawa

Do nabycia we wszystkich aptekach, składach aptecznych i perfumerjach.

**GABINET KOSMETYCZNY**
**EWA HAMBURGER**
**SOSNOWIEC, Piłsudskiego 12.**
(lewa ofic. I piętro) telef. 11-45.

**Masaże lecznicze, usuwanie wągrów, stałe przyciemnienie brwi i rzęsów wszelkie zabiegi kosmetyczne.**

**—— CENY PRZYSTĘPNE. ——**

**„HOTEL BRISTOL"**
.BĘDZIN -- Telefon 2-43

באזיצט 30 צימער איינגעריכטעט מיט אלע נייסטע
באקוועמליכקייטן. אויך באקומט מען צו יעדע צייט
פריש, שמאקהאפט, זויבער עסן, שטרענג כשר.
מעסיגע פרייזן. גוטע באדינונג.
אינהאבער **אליעזר באזשיקאווסקי.**

DRUKARNIA I INTROLIGATORNIA
**„ENERGJA"**
SOSNOWIEC, ul. Kołłątaja 6. --- Tel. 8-18.

wykonuje wszelkie roboty w zakres drukarstwa wchodzące

**Wykonanie solidne.** **Ceny umiarkowane.**